## כד) אונטער פרעמדע הימלען

### יאָסל בירשטיין: „אונטער פרעמדע הימלען". מעלבורן, 1949

י. בירשטיין איז דער איינציקער יידישער שרייבער אין אויסטראַליע, וואָס מען קאָן אויף אים זאָגן, אַז ער איז „מפרי הארץ": זיין טאַלאַנט האָט זיך אויפגעוועקט צום לעבן דאָ, אין אויסטראַליע.

פנחס גאָלדהאַר, להבדיל בין החיים והמתים, האָט זיך דאָ אין אויסטראַליע אַנטוויקלט, אָבער פנחס גאָלדהאַר דער שרייבער איז דאָ נישט געבוירן געוואָרן. זיין שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט איז מיטן קומען קיין אויסטראַליע צוערשט דעקלאַסירט געוואָרן און דערנאָך אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. אָבער נישט אויסטראַליע האָט גאָלדהאַרן געמאַכט פאַר אַ שרייבער.

דאָס זעלבע אויך מיט אַנדערע יידישע שרייבער דאָ אין לאַנד.

בלויז איין בירשטיין איז געבוירן געוואָרן אַלס שרייבער דאָ אין לאַנד.

און דאָך איז דער נאָמען פון בירשטיינס לידער־בוך — „אונטער פרעמדע הימלען", נישט קיין מליצה און נישט קיין געלעגנהייטס־נאָמען (ווייל ער גרייט זיך אָפּצופאָרן פון דאַנען): אַלע לידער אין אים זענען געבוירן ווי אונטער פרעמדע הימלען.

און זיינע לידער מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט צו די זוניקע אויסטראַליער הימלען גאָר קיינמאָל נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — ער האָט זיך בלויז געטוליעט צו זיינע היימישע יידישע שטימונגען, וועלכע זענען, — ווי דורך אַ וואונדער, — געוואַקסן אין זייער אויסגעוואָרצלטקייט אונטער פרעמדע הימלען.

און דער שטאַרקסטער איינדרוק פונעם ביכל לידער פרעסט זיך אָפּ ביי מיר אין איין זאַץ: היימישע שטימונגען אונטער פרעמדע הימלען.

*

„אין סוף פון די טעג פון דעם גרויסן געוויין
„איז אַ טרויעריק יינגל געקומען צוגיין
„צום חרובן הויז...
„........און שטום
„געשלונגען די שטילקייט פון טויטן אַרום".

דאָס יינגל איז בירשטיין.

אַלץ וואָס איר טרעפט אין די לידער איז היימיש, יידישלעך היימיש: טאַטע, מאַמע, זיידע, מיט זייער דורותדיקן און דורכן היינט פאַרטיפטן טרויער; אָבער צום היימישסטן איז אין זיי אַפילו נישט דער היימישער אינהאַלט, נאָר די היימישע

שטימונג, די היימישע אַטמאָספער פון די דאָזיקע לידער: נישטאָ כמעט קיין אײן ליד אָן אַ ירושהדיק־יידישלעכן קרעכץ.

און אָט דער טאָן איז דאָס ווערטפולסטע אין בירשטיינס ביכל לידער, דאָס איז — דערווייל, לאָמיר האָפן — דער גרעסטער דיכטערישער קאַפּיטאַל, וואָס בירשטיין פאַרמאָגט.

אָדער אַנדערש זיך אויסגעדריקט: די דאָזיקע שטימונג איז דערווייל זיין איינציקער מאַטעריאַל, פון וועלכן ער קאָן אַרויסוועבן פון זיך זיין ליד.

אָט די שטימונג, געדענק איך, האָט מיך געפּלעפט און זיך איינגעשרויפט אין מיר נאָך אין שאַנביי, ווו איך האָב באַקומען דעם זאַמלבוך "צושטייער".

יאָסל בירשטיין איז פאַר מיר געווען, נאַטירלעך, אַ נייער נאָמען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ יונגער דיכטער, אָבער פונוואַנען אַזאַ רייפע יידישלעכע, טיף־יידישע שטימונג אין זיינע פיר לידער?

געוויס האָב איך געזען די פעלערן פון די דאָזיקע לידער, אָבער נישט זי, די שוואַכקייט פון פאָרם, איז געווען דער עיקר, נאָר די עכטע שטימונג פון אַ „זקנדיקן ייד", פון דעם דורותדיקן ייד.

די עטלעכע לידער פון „צושטייער" זענען אין ביכל אַריינגענומען געוואָרן מיט ענדערונגען, מיט קירצונגען (און איינס איז בכלל נישט אַריינגענומען געוואָרן אינעם ביכל). דאָס איז אַ גוטער סימן. דאָס באַווייזט, אַז בירשטיין באַמערקט אַליין זיינע שוואַכע פונקטן. ער ענדערט. ער וואַרפט אָפּ. אין אַ צייט אַרום וועט ער זען אויך די שוואַכע פונקטן, וואָס ער האָט נאָך איבערגעלאָזן אין זיין ערשטלינג־ביכל („און דאָס איז טאַקע וואָס דערפאַר", איז אַ שורה אָן אומהיילבאַרער בעל־מום). ער וועט קרעפטיקער ווערן אין זיין פאָרם. ער וועט רייפער ווערן אין וואָרט־אויסדרוק, אין בילד. דער קריטישער צוגאַנג צום אייגענעם אָנגעשריבענעם, און אַפילו אָפּגעדרוקטן וואָרט, איז אַ גוטער סימן פאַר י. בירשטיינען.

אָבער נאָך אַ בעסערער סימן איז דאָס, וואָס ענדערנדיק די פאָרם פון זיינע ערשטלינג־לידער, איז ער געבליבן טריי זייער שטימונג — ער האָט נישט פאַרשאָטן דעם קוואַל פון וועלכן זיי פליסן.

און דער קוואַל זיינער איז אַ לעבעדיקער, ווי דאָס באַווייזן אַן אַ שיעור לידער. אונטער פרעמדע הימלען איז ער נישט אויסגעטריקנט געוואָרן. בירשטיין איז אַ טיף־היימישער, עכט־יידישער דיכטער נישט נאָר לויט דער טעמאַטיק, נאָר לויט זיין אויפנעמען די וועלט.

ווען דער שטימונגס־געהאַלט פון בירשטיינס ליד וואָלט געווען באַקומען אַן עקוויוואַלענטן פאָרם־אויסדרוק, וואָלטן מיר געווען געהאַט אין אים אַ גרויסן צושטייער צו דער יידישער דיכטונג.

אָבער הגם דאָס פאַרמאָגט נישט דערווייל בירשטיין, זענען דאָך דאָ גאַנץ



אַפּט סטראָפן און אַפילו לידער, וואָס לעבן נישט נאָר אין זכות פון זייער שטימונג און טאָן־ריינקייט, נאָר אויך אין זכות פון זייער אייגענער ליד־פאָרם. זיין ליד „ס׳געבעט", איז פאַר אָן ערשטלינג־ביכל אַ קליין שטיקל צירונג. באַזונדערס די לעצטע שטאַרקע סטראָפע:

„דיין רוף: יהי אור, איז פאַרטונקלט און שוואַרץ.
„ס׳איז הפקר מיין לעבן, נאַכנישט מיין האַרץ —
„וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?"

און „אַן אורח אויף מיין שוועל" איז אויך אַ שיין ליד, פון די בעסטע און שלימותדיקסטע אינעם זאַמלבוך.

*

אין זיין שוואַכן ליד „כ׳געזעגן זיך" זענען דאָ עטלעכע שורות (אמת, זיי זענען נישט קיין זעלטנקייט אין דאָזיקן ביכל), וואָס דערציילן אונדז די געשיכטע פון בירשטיינס עכטקייט, פון בירשטיינס דיכטונגס־קוואַל, פון וואַנען ער נעמט זיך אונטער פרעמדע הימלען.

דער טאַטע זיינער זאָגט אים ביים געזעגענען זיך:

„ס׳קאָן זיין, אַז גאָט איז אומעטום.
„מערער — ווו מען ווערט געבוירן.
„און איך — אַ יינגל — הער זיך צו
„צו דער בענקעניש פון טאַטנס יאָרן,
„און שטרעק מיין האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון".

אָט די „ברכה פון זכרון", וואָס איז די ברכה — דערווייל די איינציקע — פון זיין יוגנט, נאָך זייער אַפּט קוים־ באַפּעדערט ליד, פירט אים כסדר אַהיים, צום „דאָרט", ווו גאָט איז צום מערסטן — „ווו מען ווערט געבוירן". זיין גאַנץ ליד איז אַ געבעט:

„פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
„אין דעם גורל פון מיין היים".

און זיין געבעט איז דערהערט געוואָרן.
און י. בירשטיין ווייס דאָס און ער וואַריאירט דאָס אויף אָן אַ שיעור אופנים.
ער איז פאַרליבט אין זיין „הויקער־שטימונג", ווי אין זיין איינציקן און לעצטן פאַרמעגן.
אָבער די שטימונג איז נישט עקרדיק, זי איז טראַגעדיק מיט עפּעס אַ טרייסט, וואָס איר זיס־ביטערן טעם דערפילט דער יונגער דיכטער פון צייט צו צייט אויף זיין דיכטערישן גומען.

זי ווערט דאָ בטל בשישים, אין דאָזיקן ביכל פון דורותדיקן צער, אָבער עס טרעפט, אַז זיי מישן זיך אויס צוזאַמען, — דער יידישער צער און די יידישע טרייסט.

„אוי, זינג דיין מאַמעס טרויער אויס
„מיט דעם שטילן בטחון־ליד,
„וואָס ס'פּאַלק געדענקט פון דורות“.

זאָגט צו זיך בירשטיין אין זיין שוואַכן ליד „און מיין מאַמע שטייט דערביי“. און אַט דעם טרויער אין און דורך בטחון דריקט ער שטאַרקער אויס אין זיין ליד „די לויטערע ווערטער“:

„די לויטערע ווערטער פון הייליקע ספרים
„פאַרזינקען אין געלע, פאַרחלבטע בלעטער.
„אויף גרויע בית־עלמינס — דער יידישער חלום
„פון עפּעס אַ לויטערן, ליכטיקן שפּעטער.
„פינצטערט דאָס קלאָרע געמיט, וואָס דאַרף בענטשן
„דורך גזר פון טרעבלינקישן גורל — פאַרהיטן
„דעם מידן בטחון וואָס לעשט זיך אין מענטש אויס.
„די פרייד פון לעבן וואָס האָט אונדז פאַרמיטן.
„איך גראָב זיך אַריין אין דער געלבקייט פון ספרים
„צו קענען באַנעמען דעם זין פון די קברים.
„אויב זין איז פאַראַן גאָר אין מענטשישן בייז.
„זיי שטאַרק, מיין געמיט, אין דיין צער צו פאַרהיטן
„פאַרן שפּעטערן דור וואָס האָט נאָכנישט געליטן,
„אַן אָפּהילך פון גוטן, אַ ניגון פון טרייסט“.

י. בירשטיינס אויפקפירן זיין אָפּגעציטערטע היימישע שטימונג אונטער היימישע הימלען איז נישט קיין צופעליקייט. דאָס איז אַ ריכטיקער טאָן אינעם ליד פון זיין לעבן.

אין אַ גרויסן טייל לידער פון „אונטער פרעמדע הימלען“ הערט ער זיך בולט אַרויס.

*

דאָס ביכל איז — אין סך־הכל — אַ שפּאַר ביסל מאַנאָטאָן; לידער מיט אַ שוואַכער אויסדרוק־מעגלעכקייט — זיי זענען אַ סך רייכער אינערלעך, ווי אויסערלעך; אָבער דערפאַר קויפט אונטער די עכטקייט, — ווייל עס קומט פון די טיפעניש פון געמיט, פון געמיינזאַמען „איך“־פאָלק־געמיט.



דערווייל איז נאָך זיין ליד געמישט מיט שוים. אָבער עס איז צו האָפן, אַז דער שוים וועט ביסלעכווייז אָפּגעשוימט ווערן און ס'וועט בלייבן אָפּגעשטאַנענער געזאַנג.

ער זאָל נאָר צו־האַסטיק נישט אויסגיסן אונטער די היימישע הימלען די שטימונג, וואָס איז אַזוי צאַרט אַנגעקוואָלן אין אים אונטער די פרעמדע הימלען.

זאָל ער דאָס היטן ווי אַן אוצר.

זאָל ער גוט געדענקען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דאָס איז זיין איינציקער עכטער פאַרמעגן פון גרויסן ווערט.

מעלבורן, 1949

## כה) צו יאָסל בירשטיינס אָפּפאָרן קיין ישראל
## (פון אַ רעדע)

אַלע רעדן וועגן גאָט, אָבער ווען עס קומט צו דערקלערן וואָס אַזוינס „גאָט“ איז, קאָן דאָס קיינער נישט טאָן קלאָר און דייטלעך; קיינער ווייסט נישט; אַפילו די, וואָס זענען זיכער געווען, ביז דער מינוט ווען זיי דאַרפן דאָס דערקלערן קלאָר און דייטלעך, אַז זיי ווייסן יאָ...

דאָס זעלבע איז מיט דיכטונג: אַלע רעדן וועגן דיכטונג מיט דער גרעסטער זעלבסטזיכערקייט, און דאָך קאָן דאָס קיינער נישט דערקלערן פּראָסט און פשוט, ווען זיי דאַרפן דאָס טאָן...

בלויז רבנים און קריטיקער האָבן דעם טרויעריקן מזל פון מוזן וויסן וואָס גאָט און וואָס דיכטונג איז... אויך זיי ווייסן נישט, נאָר זיי מוזן דאָס דערקלערן, אויב זיי ווילן נישט פאַרלירן זייער ברויט...

מוז איך. פאַרפאַלן. אָבער איך וועל דאָס טאָן פאַרזיכטיק (איר ווייסט דאָך שוין סיי ווי, אַז אויך איך ווייס נישט וואָס דיכטונג איז).

וואָס איז דיכטונג? איך האָב דערויף דריי סימנים: 1) אַז איר לייענט אַ ליד עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל פילט איר דערביי עפּעס נייס, וואָס פאַרקלעמט אייך דאָס האַרץ, — זייט וויסן: דאָס איז דיכטונג.

דיכטונג איז דאָס, וואָס איר קאָנט קיינמאָל נישט אויסליידיקן עס פון אינהאַלט; איר קאָנט קיינמאָל נישט אונטערציען קיין סך־הכל פון איר אינהאַלט, פון די איבערלעבונגען, וואָס זי רופט אַרויס ביי אייך.

אַט דעם עכטן סימן פון עכטער דיכטונג געפינט איר ביי יאָסל בירשטיינען. 2) און אַ צווייטער סימן מובהק: דיכטונג שלאָגט אַרויס פון דער טיף, פונוואַנען זי זאָל נישט קומען, צי זי איז נאַציאָנאַל, צי סאָציאַל; צי זי איז אַ יחידישער ניגון, צי אַ קאָלעקטיוועך, — קיינמאָל לאָזט זי זיך נישט באַאיינפלוסן פון דרויסן,

דורך פּראָפּאַגאַנדע, דורך פּראָגראַמען. זי קומט פון דער טיף, פון דיכטערס געמיט.

בירשטיינס לידער זענען נישט געבויט לויט דער מאָס פון סאָציאַלע פּראָבלעמען, און זיי זענען נישט קיין נאַציאָנאַלע מאַרשן, קיין נאַציאָנאַלע האָפּקעס. זיי זענען נישט קיין סאָציאַלע דיכטונג (אין וווּלגאַרן זין פון דאָזיקן וואָרט), און נישט קיין נאַציאָנאַלע דיכטונג (אויך אין וווּלגאַרן זין פון דאָזיקן וואָרט), וואָס מיר האָבן פון זיי אין אונדזער ליטעראַטור אַזוי פיל שלעכטע מוסטערן.

סיי זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון, סיי זיינע סאָציאַלע מאָטיוון קומען פון דער טיף פון זיין דיכטערישער איבערלעבונג, פון זיין דיכטערישער שפּירבאַרקייט, פון זיין דיכטערישער וויזיע.

אַפילו אין זיין גוט סאָציאַל ליד „אין דער פֿאַבריק״ וועט איר נישט געפינען קיין מיטינג־טענער, פּונקט ווי איר וועט נישט געפינען קיין עכאָ פון ביליקער פּראָפּאַגאַנדע אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער (וואָס זיי בילדן דעם חוט־השדרה פון יאָסל בירשטיינס ביכל). וואָס עס זאָלן נישט זיין זיינע אָנשויאונגען, — ער לאָזט זיך נישט באַאיינפלוסן אין זיין דיכטונג פון קיין שום ריכטונג.

און דאָס איז אין היינטיקער צייט פון מאַרש־דיכטונג אַ גוטער סימן פאַר אַן אָנפאַנג־דיכטער.

3) און דער דריטער סימן: דיכטונג נעמט אַלץ אויף סימבאָליש. זי זעט, זי פילט אינעם פּרט — דעם כלל.

ביי בירשטיינען האָט איר אָט די דאָזיקע סימבאָלישקייט אין גאַר אַ גרויסער מאָס. זיין טרויער פאַרוואַקסט מיט זיין ייִדנס טרויער.

יאָסל בירשטיין איז נישט קיין נאַציאָנאַל־פּראָפּאַגאַנדיסטישער מאַרש־זינגער, אָבער זיין ליד איז נאַציאָנאַל מיט דעם, וואָס עס איז טיף־ייִדיש, אין טיפסטן און ברייטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט.

אָט דאָס בחורל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד — „אונטער פרעמדע הימלען״, — איז אומצעררייסבאַר פאַרוואַקסן מיטן ייִדישן כלל דורך זיין פערזענלעכער ייִדיש־איבערלעבונג.

זיין ייִדיש רעפּרעזענטירט פאַר אים דעם ייִדישן כלל, און דעם ייִדן זיינעם טראָגט ער לעבעדיק אין געמיט. — דער ייִדיש לעבט אין אים מיט אַלע זיינע ייִדישלעכע קנייטשן, מיט אַלע זיינע ייִדישע געפילן און מיט אַלע זיינע ייִדישע וואָרצלען, וואָס גייען אַוועק אין די ווייטע יאָרטויזנטער. ער שפּירט ווי לעבעדיק זיין ייִדנס גלויבן, וואָס

„שפּאַנט איצט איבער וועלט־יאָרן
„צונויפזאַמלען אַ מנין ייִדן״...



די בענקשאַפט נאָך דער אַטמאָספער פונעם ייִדן־מנין (אין עכטן ייִדישן גייסט) ליגט אין גרונט פון כמעט אַלע לידער פון יאָסל בירשטיין. יעדנפאַלס פון זיינע בעסטע.

*

נישט יעדעס מאָל זינגט יאָסל בירשטיין אויס זיין שטימונג, אָבער יעדעס מאָל וויל עפּעס אַרויסזינגען פון אים. ער שטאַמלט נאָך אָפט, אָבער אינעם שטאַמלען ליגט איינגעשלאָסן, ווי אין אַ קנאָספּ, אַ וואַרעם, עכט דיכטעריש געפיל.

אָבער מיט דיכטונג דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק: איין וואָרט, גענומען פון דרויסן, פונעם גרייטן שפּראַך־זאַפּאַס, ווייעט אָן אויף אַ ליד קעלט, לעשט אויס זיין וואַרעמען אָטעם.

נעמט, למשל, אַזאַ, אין אַלגעמיין, גוט, פיין ליד, ווי „אויף דיין פייערדיקער חתונה״.

„איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כלה־מויד...״

אָט די ערשטע שורה ברענגט אַריין אַ פאַלשן טאָן גלייך ביים אָנהייב־ליד. די שטימונג פון דאָזיקן ליד האָט אין איר עכטקייט נישט געקאָנט באַנוצן אַזאַ פאָלקסטימלעך וואָרט ווי „כלה־מויד״, וואָס סוגערירט פאַרשידענע שטימונג־ניואַנסן — פון פּראַכטלעכקייט ביז פאָלקסטימלעכער ווילדערישקייט, און קיין איין ניואַנס פון די דאָזיקע פּאַסט זיך נישט צום דאָזיקן האַרצרייסנדיקן ליד.

„איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כלה״, ווי אַן אַריינפירער־אַקאָרד, וואָלט געווען צוגעגעבן אָט דעם ליד אַ שטימונגס־גאַנצקייט, וואָס איז אַזוי נייטיק פאַר יעדן ליד.

דאָס וואָרט „כלה״ פאַרמאָגט אין זיך פייערלעכע צניעות, צאַרטקייט און ענלעכע געפיל־שטימונגען, וואָס פירן נאַטירלעך אַריבער אונדזער געמיט צו די ווייטערדיקע סטראָפעס פונעם דאָזיקן ליד.

אָבער „כלה־מויד״ פאַרן דאָזיקן ליד? אמת, אָן דעם וואָרט „כלה־מויד״ וואָלט געווען געפעלט אַ גראַם. אָבער דאָרט ווו אַ דיכטער דאַרף אויסוויילן צווישן טאָן־עכטקייט און אַ גראַם, דאַרף ער זיך קיין איין מינוט נישט וואַקלען וואָס אויסצוּוויילן. ער דאַרף געדענקען געטעס באַרימטן פירציילער, וואָס איך וויל אים דאָ פאַרייִדישן:

„אַ ריינער גראַם וועט שטאַרק באַגערט;
„אָבער ריין־האַלטן דעם געדאַנק,
„אָט־אָ־דעם איידלסטן געשאַנק,
„איז מער ווי אַלע גראַמען ווערט״.

*

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יאָסל בירשטיינען אין „קדימה" געדענק איך זייער גוט: ער האָט גערעדט מיט שרעק פאַרן בלייבן אין מעלבורן. און ער האָט אימפּולסיוו אַ ווייז געטאָן דורכן פענצטער פון זיין „קדימה"־ביוראָ אויפן בית עולם און צוגעגעבן: „ווער עס עסט דאָ פליייש, לאָזט דאָ איבער די ביינער".

אַט די מורא פאַרן בית־עולם, האָב איך ריכטיק געפילט, איז אַ סימבאָלישע: נישט פאַרן בית־עולם גופא האָט ער' מורא (אַ בית־עולם איז אומעטום דאָ!), — ער האָט מורא פאַר אים דערפאַר, ווייל ער דערמאָנט אים אינעם בית־עולמדיקן יידישן לעבן.

און אָט די שטימונג, ווי אויך זיינע באַמערקונגען וועגן יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען, האָבן זיך געבונדן מיט דער שטימונג פון זיינע פיר לידער אין „צושטייער", וועלכע איך האָב געהאַט געלייענט אין שאַנכיי: אָט דער יונגער בחור איז אַלט, עס יוירט אין אים אַן אַלטער טרויער, דער טרויער פון יידישער אַלטקייט.

און איצט האָט מיר זיין לידער־בוך אויפגעקלערט אַלץ: דאָס איז נישט בלויז בירשטיינס פּערזענלעכע נשמה־אַלטקייט, — עפּעס דורותדיקס רינט דורך אים און זוכט אַן אויסדרוק; ער איז אַ יורש פון עפּעס עכט־יידישדיקס.

דאָס ביכל לידער האָט באַשטעטיקט די אַלע איינדרוקן מיינע — פון די פיר געלייענטע לידער זיינע אין שאַנכיי, פון מיין ערשטן שמועס מיט אים אין דער „קדימה"־קאַנצעלאַריע, פון זיין זיצן (אָדער שטיין) און לייענען פּעטרושקאַס משניות־איבערזעצונג.

דאַן, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַוועקפאָרן, איז געוואָרן אַזוי אומעטיק.

אויב ער, דער יונגער, דער אַלט־תושבדיקער, האָט דאָ נישט קיין וואָרצלען, טאָ וואָס דערוואָרט שוין מיך?

עס האָט פון אים אַ ווייע געטאָן מיטן איביקן יידישן נע־ונד־זיין, מיטן איביקן יידישן אומרו, מיטן יידישן געשליידערט ווערן אין כף הקלע.

איצט אָבער איז זיין אַוועקפאָרן פריידיקער: זיין אומרו האָט געפונען אַ פעסט־געגרינדעטן ציל, ער פאָרט איינוואָרצלען זיין אויסגעוואָרצלטקייט, ער פאָרט פאַרייניקן זיין אַלטקייט־שטימונג און אויסליטערן זיין געמיט, — וואָס פרעמדע הימלען פרעסן אויף אים, — אונטער אייגענע הימלען.

ווער וועט אים נישט ווינטשן קיין הצלחה מיט אַ צומיש פון קנאה?